# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

## נח

מכון
באר האמונה

**יו"ל ע"י**

**מכון 'באר האמונה'**

**זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון**

**וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות**

**אין הארות מעלדט אייך צו:**

**אימייל: derparshakval@gmail.com**

**טלפון: 1347-871-8285**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת נח


את האלקים התהלך נח - אמונה אַז אַלעס איז פאַר'ן מענטשן'ס טובה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . א
ונח מצא חן - עצות ווי אזוי זוכה צו זיין צו חן, און די סגולות דערפון . . . . . . . . . . . . . . . . . ב
די הייליגע ווינטער-נעכט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ד
אַ נייער זמן - מיט אַ פעסטקייט און אַ זריזות . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ה
אלה תולדות נח נח - מיט אַן התחדשות . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ז
מלמד שלמד נח תורה - אויסנוצען די טעג צום לערנען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . יא
עלה זית - יעדע קלייניגקייט איז חשוב ביים אויבערשטען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . יב
ותרם מעל הארץ - אין וואס פאַר אַ מצב מען איז נאר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . יב
כי אותך ראיתי צדיק - שטאלצירן מיט זיך אַליין און אַזוי זיך האַלטן אינדערהייך . . . . . . . . . . . . . יג
וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ - אַכטונג געבן נישט אַריינצופאַלן אין עצבות . . . . . . . . . . . . . יד

# נח

## את האלקים התהלך נח - אמונה אַז אַלעס איז פאַר'ן מענטשן'ס טובה

**רש"י** שרייבט אויפ'ן פסוק (בראשית ה, יב) ויולד נח בן חמש מאות שנה, אמר רבי יודן, מה טעם כל הדורות הולידו למאה שנה וזה (נח) לחמש מאות. אמר הקב"ה, אם רשעים הם יאבדו במים ורע לצדיק זה, ואם צדיקים הם אטריח עליו לעשות תיבות הרבה, כבש את מעיינו ולא הוליד עד חמש מאות שנה. פאַרוואָס האָט נח נישט געהאַט קיין קינדער ביז די פינף הונדערט יאָהר, ווען רוב מענטשן האָבן געבוירען קינדער פריער. נאָר ווייל דער אויבערשטער האָט געזאָגט, אויב זיי וועלן זיין רשעים וועלן זיי דאָך אומקומען אין מבול און נח וועט האָבן עגמת נפש, און אויב זיי וועלן זיין צדיקים, וועט ער דאָך דאַרפן בויען אַ סאַך תיבות. דערפאַר האָט נח נישט געהאַט קינדער ביז ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון 500 יאָהר.

**זעהט** מען ווי דער אויבערשטער באַהאַלט די טובה פאַר'ן מענטש, אַלץ פאַר זיין טובה וועגן. נח האָט נישט געהאַט קינדער פינף הונדערט יאָהר, כדי ער זאָל נישט ליידן עגמת נפש אויב זיינע קינדער וועלן ח"ו דאַרפן אומקומען אין מבול.

**מיר** געפינען ביי אדם הראשון, אַז ער האָט געמאַכט השתדלות צו געפינען אַ שידוך, ווי רש"י ז"ל ברענגט פון חז"ל, אָבער דער שידוך מיט חוה איז געוואָרן דווקא אינמיטן שלאָפן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ב, כא-כב) ויפל ה' אלקים תרדמה על האדם ויישן ויקח אחת מצלעתיו וגו'. ויבן ה' אלקים את הצלע וגו'.

**פון** דעם לערנט מען, אַז כאָטש דער מענטש דאַרף טוהן השתדלות, אָבער ער טאָר זיך נישט איינרעדן אַז די השתדלות וועט ברענגען די תוצאה. דער רבונו של עולם וועט עס געבן.

**אַזוי** שרייבט רבינו אברהם בן הרמב"ם, אַז דער מענטש וואָס מיינט אַז דאָס וואָס די זאַך איז געקומען איז אַ תוצאה פון זיין השתדלות, איז עס "כפירה נסתרת".

**למאי** נפקא מינה? - ווען דער מענטש פאַרשטייט אַז די השתדלות ברענגט נישט די זאַך צו וואָס ער צילט, וועט עס אים חלילה וחס נישט מבטל זיין פון תפלה בציבור[א], און נישט פון אַ שיעור תורה חלילה.

---

**א.** אויפ'ן פסוק אין דער פריערדיגער פרשה (בראשית ב, ז) ויהי האדם לנפש חיה, זאָגט דער תרגום: "לרוח ממללא" [ד"ה דער מענטש האָט דער מעלה אַז ער קען רעדן]. אדם הראשון האָט דאָך נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן, נאָר דאָס מויל וואָס ער האָט געהאַט "לרוח ממללא", איז געווען צו דאַווענען, ווי רש"י זאָגט אויפ'ן פסוק (בראשית ב, ה) ואדם אין לעבוד את האדמה, ווייל עס איז נישט געווען ווער עס זאָל מתפלל זיין אויף רעגן.

מיר האָבן שוין אַמאָהל דערמאָנט וואָס דער "חזון איש" שרייבט אין אַ בריוו, אַז תפלה העלפט בדרך הטבע, און דאָס וואָס השתדלות העלפט, איז בגדר נס.

איז דער "חזון איש" מסביר, אַז אויב דער מענטש טוט השתדלות, איז עס מעורר רחמים אויף איהם, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך געהייסן טוהן השתדלות. נו, וואו איז דאָ אַ גרעסערע התעוררות רחמים פון תפלה?

שרייבט ער, אַוודאי דאַרף מען טוהן השתדלות, אָבער די גרעסטע השתדלות איז דורך תפלה. אַ מענטש וואָס האָט נישט מתפלל געווען, האָט נישט יוצא געווען ידי חובת השתדלות.

**אויף'ן** פּסוק (ח, יא) והנה עלה זית טרף בפי', זאָגט רש"י ז"ל צוויי פּשטים איין פּשט "טרף - חטף" - דער יונה האָט געכאַפּט, און דער צווייטער פּשט אַז עס מלשון הטריפנו לחם חקי (משלי ל, ח), אַ לשון פון מזונות. פרעגט דער "דברי ישראל", פאַרוואָס דאַרף רש"י בכלל זאָגן דער פּשט פון "טרף חטף", פאַרוואס האָט ער זיך נישט באַגנוגנט מיט "טרף" איז אַ לשון מזונות, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיא, ה) טרף נתן ליראיו?

**ענטפערט** ער, אַז רש"י האָט געוואָלט פאַרענטפערן אַ שווערע קשיא: וואָס האָט די יונה געזינדיגט אַז מען האָט פאַר איר מזמין געווען אַ ביטער בלעטל, און נישט אַ זיס בלעטל? נאָר די גמרא זאָגט (ברכות סד.) הדוחק את השעה, השעה דוחקתו. דערפאַר שרייבט רש"י "עלה זית טרף - חטף", וויבאַלד זי האָט אַליין געכאַפּט, דערפאַר איז פאַר איר נזדמן געוואָרן אַ ביטער בלעטל. אָבער אַז דער מענטש פאַרשטייט אַז אַלעס איז פון בורא כל עולמים, און ער לעבט מיט דעם, ער אָטעמט מיט אמונה, איז איהם נישט ביטער.

**ונח מצא חן - עצות ווי אזוי זוכה צו זיין צו חן, און די סגולות דערפון**

**אויף** דעם פּסוק (ו, ח) ונח מצא חן בעיני ה', זאָגט דער "אור החיים" הקדוש, פון פּסוק וינחם ה' וגו' איז משמע, אַז דער באַשעפער כביכול האָט חרטה געהאַט אויף די גאַנצע בריאה, און אויף דעם האָט נח'ס צדקות נישט געקענט העלפן צו שיצן די וועלט פון מבול, ווייל מיר זעהען אַז אויך קליינע קינדער וואָס האָבן נישט געזינדיגט, זענען אויך אומגעקומען אין מבול, ווייל דאָס צדקות פונעם צדיק העלפט נישט אויב עס איז דאָ אַ חרטה ח"ו אויף די בריאה. נאָר ווי אַזוי איז נח געבליבן לעבן? - "ונח מצא חן" - ווייל נח האָט געפונען חן אין די אויגן פון דעם אויבערשטען.

ווי אַזוי באַקומט מען דער חן? שרייבט דער אור החיים הקדוש: עס זענען דאָ דריי אָדער פיר מצוות, מיט וועלכע מ'קען געפינען חן ביי דעם אויבערשטען. די דאָזיגע דריי אָדער פיר מצוות האָט נח מקיים געווען, און וועגן דעם "מצא חן בעיני ה'". די תורה האָט אָבער נישט מגלה געווען וואָס די דאָזיגע דריי אָדער פיר מצוות זענען, כדי מען זאָל נישט אָפּלאָזן די אַנדערע מצוות, מקיים צו זיין נאָר די מצוות.

ווי אַזוי געפינט מען יאָ חן ביי דעם אויבערשטען?

**דער** חרדים (פרק סו, אות עה) זאָגט יאָ וואָס די מצוות זיינען. ער שרייבט: "אם רוצה אדם למצוא חן בעיני ה'". אויב אַ מענטש וויל געפינען חן ביי דעם אויבערשטען, "לא יכעס", זאָל ער נישט זיין אין כעס. נאָר ער זאָל גלייבן אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, "שנאמר ונח מצא חן בעיני ה'", און די חז"ל האָבן נישט געזאָגט פאַרוואָס ער האָט געפונען חן ביי דעם אויבערשטען. עס שטייט אָבער יאָ אין פּסוק: "כשמו כן פירושו". זיין נאָמען איז אַ פירוש פאַרוואָס נח האָט געפונען חן. "שהיה נח בדיבורו ובמעשיו ובהילוכו". ער האָט זיך קיינמאָל נישט געבייזערט, "לכן חן ונח חד הוא", וועגן דעם האָט דאָס וואָרט "חן" די זעלבע אותיות ווי "נח".

**מען** זאָל נישט מיינען אַז עס איז אָנגעקומען פאַר נח אַזוי לייכט נישט צו בייזערן זיך. אויך נח האָט געהאַט מתנגדים, ווי רש"י ז"ל ברענגט פון די חז"ל, "יש מרבותינו דורשים אותו לשבח, ויש דורשים אותו לגנאי". אַוודאי האָט נח געהאַט אויף וואָס זיך צו בייזערן. ער האָט געקענט זיין אין כעס אויף די "יש דורשים אותו לגנאי", אָבער ער האָט זיך נישט געבייזערט, און וועגן דעם "מצא חן בעיני ה'"[ב].

**דער** "ישמח ישראל" שרייבט (אָנהויב פרשת נח) בשם דעם ספר הישר לרבינו תם, אַז אַמאָהל

ב. דער גערער רבי, בעל "בית ישראל" זצ"ל האָט געזאָגט: מען קען אַראָפּלערנען אַ מוסר השכל פון

נעמט מען צו די בחירה פון אַ איד, און ער מוז ווערן גוט. דאָס איז צוליב דעם ווייל ער האָט חן ביי דעם אויבערשטען. דער טעם פאַרוואָס ער איז נושא חן ביים אויבערשטען, ווייל עס דאַרפן פון איהם אַרויסקומען גוטע קינדער. פאַרוואָס דאַרפן אַרויסקומען גוטע קינדער פון איהם? - ווייל ער איז נושא חן ביי דעם אויבערשטען. דאָס איז דערפאַר ווייל ער איז אַ מעביר על מדותיו, ווי עס איז מרומז אין פסוק: "ונח" - דערפאַר וואָס ער איז געווען נייחא לבריות, דערפאַר "מצא חן".

**דער** מענטש דאַרף האָבן שכל ווי זיך צו פירן, ווי דער ראָפּשיצער רב זי"ע האָט געזאָגט צו אַ יונגערמאַן:

- די גאַנצע תורה באַשטייט פון איין עשה און איין לאו. די עשה איז: צו האָבן שכל, און דער לאו איז: נישט צו טוהן נאַרישקייטן.

**דער** זיכלינער רבי זצ"ל האָט מזכיר געווען זיין אײדעם, וועלכער איז געווען אַ חשוכי בנים ל"ע אַ לאַנגע צייט, פאַר הרה"ק רבי העניך פון אַלכסנדר זצ"ל. האָט רבי העניך איהם געזאָגט:

- רש"י זאָגט אויפ'ן פסוק אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים וגו' - עיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים. איז שווער, אין קומענדיגן פסוק שטייט דאָך אַרויס בפירוש: ויולד נח שלשה בנים, את שם את חם ואת יפת. איז פאַרוואָס זאָגט רש"י "עיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים"?

---

די פּרשה פון קין און הבל. זיי זענען געווען בלויז צוויי מענטשן אויף דער וועלט, און זיי האָבן זיך אַרומגעקריגט. נאָר וואָס דען אַזוי זעהט אויס ווען מען אַרבעט נישט מיט זיך, אַמאָהל מיינט מען, אַ מחלוקת קומט צוליב די אָדער יענע סיבה, אָבער דאָ זעהען מיר צוויי ברידער, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ האַלבע וועלט, און זיי האָבן זיך אַרומגעריסן.

אַזוי אויך האָט אַמאָהל דערציילט דער גערער רבי, אַז זיין פאָטער, הרה"ק בעל אמרי אמת זצ"ל, האָט געהאַט התנגדות איבער אַ געוויסן ענין. זייענדיג אַן איש השלום, האָט דער "אמרי אמת" געוואָלט אויסאַרבייטן אַ שלום מיט זיינע שונאים.

אַמאָהל האָט דער "אמרי אמת" באַגעגענט דעם נאָוואָמינסקער רבי'ן, בעל "תפארת איש" זצ"ל, מיט וועמען ער איז געווען שטאַרק בידידות. האָט דער "אמרי אמת" געבעטן דעם נאָוואָמינסקער רבי'ן, ער זאָל זעהן צו מאַכן שלום. האָט דער נאָוואָמינסקער רבי געזאָגט צום גערער רבי'ן, אַז מ'וועט נישט קענען מאַכן שלום. נאָר וואָס דען? "מיר האָבן בקבלה פון אונזער זיידן, דעם בעל שם טוב הק' זי"ע, אַז אַ מנהיג וואָס האָט נישט קיין התנגדות, איז נישט מאריך ימים ל"ע".

דער "אמרי אמת" האָט אָנגענומען די ווערטער פון נאוואמינסקער רבי'ן, און האָט מער נישט געטוהן אין דעם ענין.

לויט דעם האָט דער "בית ישראל" געטייטשט בדרך צחות די ווערטער פון רש"י ז"ל, "ויש דורשים אותו לגנאי", כידוע, איז נח אַלט געווען זעקס הונדערט יאָהר ביים מבול. זייענדיג אין די תיבה האָט אַ לייב איהם געביסן, ווען ער איז געווען זעקס הונדערט יאָהר אַלט... מיר קענען זיך פאָרשטעלן, ווען אַן אַלטער איד ווערט געביסן פון אַ לייב! און פונדעסטוועגן, האָט נח געלעבט נאָך 350 יאָהר נאָכ'ן מבול.

ווי אַזוי האָט נח זוכה געווען צו אַזאַ אריכות ימים? איז דער תירוץ: "ויש דורשים אותו לגנאי". דער צדיק נח האָט געהאַט התנגדות, און דאָס האָט גורם געווען ער זאָל האָבן אריכות ימים.

לעניננו קען מען זאָגן בדרך צחות: די "יש דורשים לגנאי" האָבן אַזוי גע'דרש'ענט, כדי נח זאָל האָבן אריכות ימים... מיר טאָרן זיך אָבער נישט פירן אויף דעם נוסח, נאָר מיר דאַרפן וויסן, אַז "אם ירצה האדם למצוא חן בעיני השי"ת - לא יכעס".

**נאָר** דער טויער אין הימל פאַר דעם היכל פון קינדער, געפינט זיך נעבן דעם טויער פונעם היכל פון גמילות חסדים. אַז עס טרעפט זיך אַז דער טויער פון קינדער איז פאַרמאַכט ל"ע, איז די עצה דערצו, מ'זאָל טוהן אַ גמילות חסד מיט אַ צווייטן, און דאַן קען מען אַריינגיין אין היכל פון גמילות חסד, און אַז מען געפינט זיך שוין אין היכל פון גמילות חסד, קען מען דערנאָך "אַריבערשפּרינגען" צום היכל פון קינדער.

**דערפאַר** זאָגט רש"י "עיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים", ווייל די תורה דערציילט אַז נח האָט געבוירן קינדער ערשט ווען ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון 500 יאָהר. דערציילט רש"י, ווי אַזוי האָט נח זוכה געווען צו קינדער נאָך אַזוי פיל יאָהרן? "עיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים". אַזוי האָט ער געהאַט קינדער (עי' ספר ליקוטי יהודה, שהביא פירוש זה (עם העובדא) בשם הלב שמחה זצ"ל).

**דער** ספורנו זאָגט אויף דעם פסוק "את האלקים התהלך נח - מאז שהתחיל להוכיח בני דורו, זכה לבנים". נח האָט זוכה געווען צו קינדער דעמאָלס ווען ער האָט אָנגעהויבן זאָגן מוסר פאַר די מענטשן פון זיין דור, אַז עס וועט זיין אַ מבול. ווען ער האָט געטוהן מיט אַנדערע, איז ער געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער.

**די הייליגע ווינטער-נעכט**

**פון** די גרויסע טעג פון חודש תשרי, גייען מיר איצט אַריין אין די גרויסע ווינטער-נעכט. עס איז גרויסע נעכט, כפשוטו וכמשמעו וכמדרשו.

די בעלזער רבי'ס פלעגן זאָגן אַז די ווינטער נעכט האָבן קדושת חול המועד.

**עס** שטייט אין ספה"ק "עטרת צבי", אַז אין די פאַרטאָגס שעה'ן פון די ווינטער-נעכט קען מען אַלעס אויס'פועל'ן, אַזוי ווי ביי תפילת נעילה אין יום כיפור.

**מען** דאַרף אָבער זעהן נישט צו פאַרשלאָפן די צייט, ווי עס שטייט אין ספר ילקוט הגרשוני, אויף די סמיכות אין מסכת סוכה (כט:) פון "הדרן עלך פרק הישן" צו "לולב הגזול", ווייל די גמרא פרעגט, פאַרוואָס איז מען נישט יוצא מיט אַ געגזל'טן לולב, זאָל מען יוצא זיין דורך שינוי מעשה, ווייל מען דאַרף בינדן דעם לולב, ווי מיר פסק'ענען "לולב צריך אגד"? ענטפערט די גמרא, אַז עס איז אַ "שינוי החוזר לברייתו, ושינוי החוזר לברייתו לא שמיה שינוי", דעם קניפּ קען זיך דאָך עפענען, און דערפאַר האָט עס נישט קיין דין שינוי.

**אין** די הייליגע טעג האָט דער מענטש געענדערט זיינע מעשים צום גוטן, עס איז געווען "שינוי מעשה", נאָר וואָס דען, נאָך די הייליגע טעג קומט אַ "שינוי החוזר לברייתו". ליידער קערט מען זיך צוריק צו די פריהערדיגע מעשים[ג].

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער "הדרן עלך הישן", מ'האָט טאַקע תשובה געטוהן ראש השנה און יום כיפור האָט מען געוויינט, אָבער יעצט, "הדרן עלך הישן", מען קערט זיך אום צום שלאָף... אויף דעם דערמאַנט מען פאַר דעם מענטש דעם דין פון "לולב הגזול פסול", און דער טעם דערפון איז, ווייל כאָטש מען קען משנה זיין דורך בינדן דעם לולב, אָבער אַ "שינוי החוזר לברייתו"

---

ג. מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט פון הגאון בעל נודע ביהודה זצ"ל, אויפ'ן פסוק (ישעיה א, ו) מכף רגל ועד ראש אין בו מתום. שמיני עצרת ווערט אָנגערופן "רגל" (סוכה מח.), און "ועד ראש" איז מרמז אויף ראש השנה. פון שמיני עצרת ביז ראש השנה זעהט מען נישט דעם מענטש. ראש השנה שרייט ער, און יעצט איז ווייטער "הדרן עלך הישן".

הייסט נישט אַ שינוי. און דאָס איז די כוונה פון די סמיכות פון "הדרן עלך הישן", צו "לולב הגזול והיבש פסול" ד.

נאָר מען דאַרף זעהן מיטצונעמען פון די הייליגע טעג, אַלע התעליות און קבלות טובות וואָס מען האָט אויף זיך גענומען, כדי עס זאָל נישט זיין אַ שינוי החוזר לברייתו, נאָר אדרבה אַ שינוי של קיימא, און אַזוי וועט מען זוכה זיין צו אַ זמן פיל מיט הצלחות מיט סייעתא דשמיא ה.

**אַ נייער זמן - מיט אַ פעסטקייט און אַ זריזות**

**אויפ'ן** פסוק (איוב מא, ג) מי הקדימני ואשלם, זאָגן די חז"ל (ויק"ר כז, ב) "מי מל לשמי עד שלא

**ד.** אויב אַ איד זאָגט אַז ער שפירט אַ ירידה אין די הייליגע טעג, איז עס על דרך משל צו אַ מענטש וואָס פילט אָן זיין אויטאָ מיט גאַזאָלין אין אַ גאַזאָלין סטאַנציע, אָבער נאָכ'ן אָנפילן, וויל ער נישט פאָרן ווייטער, זאָגנדיג אַז ער שפירט דאָ אַ געשמאַק, ווייל דאָ פילט מען אָן דעם אויטאָ מיט גאַזאָלין... האָט מען איהם געפרעגט:

- טיפש! דו האָסט דאָך אָנגעפילט דעם אויטאָ מיט גאַזאָלין נאָר כדי דו זאָלסט קענען פאָרן ווייטער אויפ'ן וועג. אויב דו בלייבסט שטיין דאָ, האָסטו דאָך נישט געדאַרפט אָנפילן דעם אויטאָ מיט גאַזאָלין.

אָט אַזוי זעהט אויס דער מענטש וואָס שפירט אַ ירידה נאָך די הייליגע טעג. דו האָסט דאָך ערשט אָנגעפילט דיין נפש מיט קדושה, כדי דו זאָלסט אַ גאַנצן ווינטער בלייבן אַ לייטישער יונגערמאַן. מ'האָט דיך אָנגעפילט מיט גרויסע כוחות, ממשיך צו זיין אויף ווייטער.

הגה"צ רבי חיים מאיר יחיאל שפירא זצ"ל אב"ד נאראל, האָט דערציילט:

צום "שר שלום" פון בעלזא זי"ע זענען געקומען צו פאָהרן אויף די ימים נוראים עטליכע חסידים פון רוסלאַנד. ביים זיך געזעגענען, האָבן זיי געפרעגט דעם בעלזער רב:

- רבי! ווי אַזוי פאָרט מען יעצט צוריק צו די רוסישע קעלטן, נאָכ'ן פראַווען דאָ ביים רבי'ן אַזעלכע הייליגע טעג?! (זיי האָבן געמיינט די קעלטן ברוחניות ובגשמיות, בגוף ובנשמה. ס'איז קאַלט פון אַלע זייטן).

האָט דער בעלזער רב זיי געענטפערט:

- די 'חכמים' פון דער שטאָט חעלם, האָבן אַמאָל צונויפגערופן אַן אסיפה, היות ביינאַכט איז זעהר קאַלט, איז ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט די שטאַרקע קעלטן?

- זענען די חעלמער מענטשן געפאַלן אויף אַן "עצה": זיי האָבן אַריינגעלייגט גרויסע טעפּ אין דער ערד, און וויבאַלד די חכמי ישראל זאָגן דאָך אַז די זון גייט אַראָפּ יעדע נאַכט אונטער דער ערד, וועלן די טעפּ דאָרט צוריקהאַלטן די וואַרימע זון...

- ביינאַכט, זענען די טעפּ אָבער פול געוואָרן מיט שניי... אַלזאָ, וואָס טוט מען? זענען זיי געגאַנגען צום "ראש החכמים", און געפרעגט אַן עצה וואָס צו טוהן כדי אָנצוהאַלטן די זון, עס זאָל נישט זיין קאַלט. האָט דער ראש החכמים זיי געגעבן אַ פשוט'ע עצה: די זון גייט דאָך אַראָפּ. אַלזאָ, זאָלן זיי צוברעכן דעם שניי, און אַזוי וועלן זיי אָנקומען צו די זון...

- אַזוי האָבן זיי געטוהן. זיי האָבן געהאַקט און געהאַקט אינעם שניי, און פון דעם עצם אַריינאַרבעטן און האַקן אויפ'ן שניי זענען זיי געוואָרן דערוואַרימט...

און דער בעלזער רב האָט אויסגעפירט:

- האָט איר פאַרשטאַנען די חכמה פון די חכמי חעלם? אַז אין דער גרעסטער קעלט, טאָמער מען האַקט און מען קנאַקט, ווערט מען וואַרים...

**ה.** עס האָט מיר דערציילט אַ ברודער פונעם מרא דעובדא. דער יונגערמאַן וואָס האָט עס מיר דערציילט, האָט אַ שוועסטער און אַ שוועגרין וואָס וואוינען אין דער שטאָט לעיקוואוד.

נתתי לו בן זכר מי עשה לי מעקה עד שלא נתתי לו גג מי עשה לי מזוזה עד שלא נתתי לו בית" וכו'. - אַלעס האָב איך געטוהן פאַר דיר. דו האָסט געמאַכט אַ ברית? איך האָב דיר געגעבן אַ קינד! דו האָסט געקלאַפּט אַ מזוזה? איך האָב דאָך דיר געגעבן דאָס הויז.

**שרייבט** דער חיד"א (אין ספר כסא דוד, דרוש יא לשבת הגדול, דפו"ח עמוד רח), אויב אַזוי קומט אויס אַז דער מענטש טוט טאַקע גאָרנישט, איז דאָך נישטאָ אויף וואָס צו באַקומען שכר? נאָר וואָס דען, דער מענטש טוט איין זאַך: די זריזות צו די זאַך. דו גייסט עפּעס טוהן? גיב זיך אַ שאָקל! "מי הקדימני", פאַר דעם וואָס דער מענטש איז מקדים דעם אויבערשטען כביכול, "זריזין מקדימין" (פסחים ד.), אויף דעם "ואשלם", ווייל אויף דאָס איבריגע טוט דער אויבערשטער איידער דער מענטש טוט (מובא ג"כ בספה"ק בני יששכר, סיון, מאמר ב', אות טו).

**דאָס** איז נוגע לענינינו צו התחלת הזמן, א' חשון, אויב ג' חשון איז שוין "סוף זמן", קען ער ד' חשון מאַכן אַ נייעם אָנהייב זמן... דאָס איז דער רמז פון "ב' ראשית", מען זאָל זיך כסדר שטאַרקן, אַפילו אויב מען האָט געהאַט אַ ירידה ח"ו, זאָל מען וויסן, מען קען אַ צווייטען מאָהל אָנהייבן דעם אָנהייב זמן - דער ראשית, מיט'ן גאַנצן ברען.

---

פאַרגאַנגענעם עשרת ימי תשובה תשע"ה, איז זיין שוועסטער געשטאַנען אויפ'ן גאַס און גערעדט אויפ'ן טעלעפאָן מיט איר שוועגערין, און פלוצלינג האָט די שוועגערין געזאָגט אַז זי שפירט זיך נישט גוט. באַלד דערנאָך הערט די שוועסטער אַ זעץ (ווי עס ווייזט אויס, איז די פרוי געפאַלן חלשות אויף דער ערד). וויבאַלד די שוועסטער האָט געוואוינט צוויי מינוט פון דאָרט, איז זי גלייך אַריבערגעלאָפן אַהין, און געטראָפן איר שוועגערין ליגן אויף דער ערד, מיט אַ האַרץ אַטאַקע רח"ל.

געוועגליך אין אַזאַ פאַל היל"ת, איז אויך די מיעוטא דמיעוטא וואָס לעבן עס איבער, פאַרבלייבן אין אַ שווערן געזונט צושטאַנד ל"ע, אָבער אויב מען כאַפּט עס גלייך, קען מען אָפט מאָהל ראַטעווען דאָס לעבן פון מענטש. אין דערמאַנטן פאַל, האָט די שוועסטער גלייך גערופן "הצלה", און די שוועגערין איז ב"ה געראַטעוועט געוואָרן, און דרייט זיך אַרום כאחד האדם ב"ה, צו די גרויסע פאַרוואונדערונג פון די דאָקטוירים.

וואָס איז געווען די מעשה? דערציילט מיר דער יונגערמאַן, איר מאַן האָט געאַרבייט אויף אַ קאָמפּיוטער וואָס איז געווען פאַרמאַכט, אָן קיין אינטערנעט פאַרבינדונג. עס האָט נאָר געהאַט די מעגליכקייט צו שיקן "אי-מעילס". זיי האָבן נישט געהאַלטן דעם קאָמפּיוטער אין דער היים, נאָר דער מאַן פלעגט יעדן טאָג צו מיטאָג אַהיימברענגען דעם קאָמפּיוטער, און זי האָט איהם אַרויסגעהאָלפן, מיט שיקן "אי-מעילס" דורכ'ן קאָמפּיוטער. צווישן אַנדערע, פלעגט זי אויך שיקט "אי-מעילס" צו די אויבן דערמאַנטע שוועגערין.

אין די עשרת ימי תשובה, האָט דאָס ווייבל געזאָגט פאַר איר מאַן, אַז עשי"ת וויל זי נישט אַז מען זאָל אַריינברענגען דעם קאָמפּיוטער אין שטוב, אַפילו עס האט אַ גוטן פילטער! זאָגט דער יונגערמאַן, אויב זי וואָלט דעמאָלס געהאַט דעם קאָמפּיוטער אין דער היים, וואָלט זי דאָך נישט גערעדט אויפ'ן טעלעפאָן מיט איר שוועגערין, נאָר זי וואָלט זיך - כדרכם - פאַרבונדן מיט איר דורך "אי-מעיל", און ממילא וואָלט זי בכלל נישט געוואוסט אַז די שוועגערין איז צוזאַמענגעפאַלן רח"ל. מי יודע ווי אַזוי די מעשה וואָלט זיך געענדיגט ח"ו! בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבן גערעדט אויפ'ן טעלעפאָן, האָט די שוועגערין געהערט אַ זעץ, און איז באַלד צוגעלאָפן אַהין. אַזוי האָט מען באַוויזן איר צו ראַטעווען בחסדי שמים.

זעהט מען פון דעם וואָס עס מיינט אַ גדר אין ענינים פון קדושה. וועט איר פרעגן, וואָס האָט דאָס אַ שייכות מיט די היינטיגע טעג, עס איז דאך א מעשה פון עשרת ימי תשובה? - איך גלייב נישט אַז דער יונגערמאַן נעמט נאָך היינט אַריין די כלי (דעם קאָמפּיוטער) אין שטוב...

**דאָס** איז נוגע פאַר יעדן, סיי פאַר בחורים וואָס לערנען אין ישיבה, סיי פאַר די קובעי עתים לתורה.

**על** דרך משל, אַ מענטש וואָס מאַכט אַ גלאָז קאַווע, שטעלט ער אָן די וואַסער עס זאָל זיין גאָר הייס, 100 פּראָצענט, אָבער מען טרינקט עס נישט ווען עס איז אַזוי הייס, ווייל מען קען זיך דאָך אָפּבריהען ח"ו.

**נו,** אויב מען וויל עס זאָל נישט זיין אַזוי הייס, פאַרוואָס קאָכט מען עס אויף צו הונדערט פּראָצענט, מען קען דאָך אַרויסנעמען דאָס וואַסער פונעם טעפּל ביי אַכציג פּראָצענט?! עס איז דאָך אַ שאָד די צייט צו וואַרטן ביז עס וועט זיין אַזוי הייס, אויב מען טרינקט עס ממילא נישט ביי די הונדערט פּראָצענטיגע היץ? נאָר וואָס דען, אַז מען נעמט אַרויס דאָס וואַסער ביי אַכציג, איז דאָס וואַסער נישט גוט, עס האָט נישט קיין טעם. וועגן דעם הייבט מען אָן מיט עס אויפקאָכן אינגאַנצן, און שפּעטער וואַרט מען ביז עס קילט זיך אָפּ אַביסל.

**דער** לימוד פון דעם: ווען מען הייבט אָן אַ נייעם זמן, מוז עס זיין מיט'ן גאַנצן "קאָך" פון הונדערט פּראָצענט, און דאַן, אַפילו אויב עס קילט זיך ח"ו אָפּ אַביסל, אָבער עס בלייבט נאָך אַלץ מיט אַ וואַרימקייט. טאָמער הייבט מען חלילה אָהן אָפּגעקילטערהייט, האָט שוין דער גאַנצע זמן יענער טעם ל"ע.

**אלה תולדות נח נח - מיט אַן התחדשות**

**דער** פסוק זאָגט (ו, ט) אלה תולדות נח, נח איש צדיק וגו'. האָט דער רבי ר' בונם פון פּשיסכא זצ"ל געטייטשט, נח איז שטענדיג געוואָרן ווי אַ נייער מענטש, ער איז שטענדיג געבוירן געוואָרן פונדאָסניי, "אַ נייער נח".

**ו.** אַזוי שרייבט דער "שפת אמת" אויף דעם וואָס די חז"ל זאָגן אַז די לוחות הראשונות זענען צובראָכן געוואָרן ווייל זיי זענען געגעבן געוואָרן בפומבי, מיט אַ גרויסן פּירסום. אָבער די צווייטע לוחות זענען יאָ איבערגעבליבן, ווייל זיי זענען געגעבן געוואָרן באַהאַלטענערהייט, ואין לך יפה מן הצניעות.

פרעגט דער "שפת אמת", דאָ רעדט מען דאָך פון דעם הייליגן באַשעפער, ער האָט געמאַכט דעם פּירסום ביי די לוחות הראשונות, די גאַנצע פמליא של מעלה איז אַראָפּגעקומען אויפ'ן באַרג סיני ביי מתן תורה, השרה שכינתו של ההר, און דער באַשעפער האָט דאָך געוואוסט אַז עס קען זיך צוברעכן אויב עס וועט זיין בפומבי, טאָ פאַרוואָס האָט דער באַשעפער עס געמאַכט מיט אַ פּירסום?

ענטפערט דער "שפת אמת" מורא'דיגע ווערטער: ווען מען הייבט אָן אַ נייעם ענין, עס הייבט זיך אָן מתן תורה, קען מען עס נישט טוהן בצנעה, מען הייבט נישט אָן לעבן אַלס אַ "צדיק נסתר". פריהער מוז עס גיין אויפ'ן גרעסטן פאַרנעם, מיט'ן גרעסטן ברען, און אויב ער וועט שפּעטער ח"ו אַביסל אַראָפּפאַלן, וועט ער זיך מחזק זיין בצנעה, ער וועט ווערן אַ נייער מענטש, אָבער דער אָנהייב מוז זיין מיט'ן גרעסטן ברען.

אַזוי טייטשט דער "שפת אמת" (סוכות תרנ"ד) אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין דער "עבודה" אין יום כיפור: וכך היה מונה, אחת, אחת ואחת, אחת ושתים וכו' אחת ושבע. איז שווער, פאַרוואָס דאַרף מען יעדעס מאָל אויסרעכענען "אחת"?

זאָגט דער "שפת אמת": דער כהן גדול איז אָנגעקומען אין יום כיפור צו די העכסטע מדרגה, אַז אַפילו מלאכים האָבן זיך דאָרט נישט געפונען. אויף דעם זאָגט מען, דער עיקר איז צו דערמאַנען "אחת" - דער רבש"ע וויל געדענקען דער אָנהייב, ווי אַזוי האָט אויסגעזעהן דער כהן גדול ווען ער האָט אָנגעהויבן, ווען ער האָט געשטעלט זיין ערשטן טריט. נישט דער עבודה ווען ער איז אין די העכסטע מדריגה. דערפאַר דערמאַנט מען עס מיט אַלעמען, צו דערמאַנען און דער הויכע מאָמענטן די "אחת" - די אָנהייב "אחת ואחת, אחת ושתים", אַלעס ווענדט זיך אינעם ערשטן שטופּ אַרויס פון די בלאָטע. "וכך היה מונה, אחת".

**ענליך** טייטשט דער "כתב סופר", די ווערטער פון דער גמרא (שבת סג:) אויפ'ן פסוק (קהלת יא, ט) "שמח בחור בילדותיך וייטיב לבך בימי בחורותיך, עד כאן דברי יצר הרע, מכאן ואילך דברי יצר טוב". זאָגט דער "כתב סופר": "עד כאן" - צו טראַכטן וואָס עס איז געווען ביז יעצט, "יצר הרע" - דאָס איז עצת היצר. "מכאן ואילך", אויב דער מענטש וויל זיך מחדש זיין, ער וויל ווערן אַ נייער מענטש, "יצר טוב" - איז דאָס די עצה פונעם יצר טוב.

**דאָס** איז אויך די כוונה פון פסוק (ה, כט) נח האט געהייסען אַזוי, ווייל זה ינחמני ממעשינו ומעצבון ידינו וגו'. אויפ'ן וואָרט "זה" איז דאָ אַ גרשיים און אַ "תלישה גדולה". איז דער פסוק מרמז, אַז דער מענטש זאָל נישט דאגה'ן וועגן זיין עבר און זיין עתיד. "זה" - קוק נאָר אויף די מינוט, ווי עס איז יעצט, "ינחמני ממעשינו ומעצבון ידינו". טראַכט נאָר פונעם הוה, וועסטו זיך דערהייבן צום בורא כל עולמים[ז].

**נח** איז געווען אין די תיבה צוועלף חדשים, צוזאַמען מיט די לייבן און אַנדערע חיות. ווי אַזוי האָט נח געקענט זיין פריילך[ח]? ווייל ער האָט געוואוסט אַז אינדרויסן איז דאָ אַ מבול. האָט ער פאַרשטאַנען אַז די תיבה איז זיין קרש הצלה, און אַזוי האָט ער געקענט זיין פריילך, אַז ער ווערט געראַטעוועט פון מבול.

**דער** מענטש גייט אַמאָהל אַדורך אַ מצב וואָס עס איז איהם גאָר שווער און ביטער, און ער טראַכט צו זיך אַז ער האַלט שוין נישט אויס, [ווען נח וואָלט נישט געוואוסט וואָס טוט זיך אינדרויסען, וואָלט ער אויך נישט אויסגעהאַלטען]. ער דאַרף אָבער גלייבען אַז דאָס איז זיין איינציגע קרש הצלה, און נאָר מיט דעם וועט ער צוקומען צו זיין הצלה, אפילו יעצט זעהט ער דאָס נישט, און ער פאַרשטייט דאָס נישט[ט], און אַזוי אַרום וועט ער זיך אַרום דרייען פריילך, דורך דעם וואָס ער לעבט מיט'ן אויבערשטען, וצדיק באמונתו יחיה.

---

**ז.** דער חסיד רבי בן ציון אַפּטער זצ"ל פלעגט זאָגן, ביי אדם הראשון געפינען מיר (ג, ז) ויתפרו עלה תאנה. "תאנה" איז טייטש אַ פייג. אַ "פייג" אויף אידיש איז אויך אַ "פייג" ווען מען ווייזט פאַר אַן אַנדערן אַ פייג, מען לייגט דעם "אגודל" צווישן ביידע פינגער.

תוספות זאָגט אין סנהדרין (ע: ד"ה בה נתקנו) אין נאָמען פון מדרש, אַז אדם הראשון איז געגאַנגען איבער די טויערן פון גן עדן, און דיביימער האָבן איהם נישט געוואָלט אָננעמען, איין בוים האָט איהם געזאָגט "אל תביאני רגל גאוה" (תהלים לו, יב), און אַ צווייטער בוים האָט געזאָגט "ויד רשעים אל תנידני" (שם, שם). אָבער די פייג, וויבאַלד ער האָט געגעסן פון איר, האָט זי פאַר איהם געעפענט אירע טויערן און איהם אַריינגענומען.

דער רמז אין דעם איז, אַז אדם הראשון האָט געוויזן אַלע נבראים אַ "פייג", איך ווער נישט נתפעל פון אייך, איך וויל תשובה טוהן.

**ח.** א צווייטער אין אזא מצב וואלט לכאורה געדארפט א פסיכיאטער ל"ע!

**ט.** דער חיד"א שרייבט, אין דער סדר נאַכט פון פסח, טרינקט מען נישט פון דעם פינפטן כוס, וואָס איז כוסו של אליהו. שרייבט דער חיד"א, די אידן זענען דאָך געווען אין מצרים 430 יאָהר - דאָס איז פינף מאָהל די צאָהל פון וואָרט "כוס" (86).

שרייבט דער חיד"א, שעבוד מצרים איז געווען נאָר די לעצטע 86 יאָהר, און עס האָט זיך אָנגעהויבן ווען מרים איז געבוירן געוואָרן. קומט אויס, אַז אויף די יאָהרן וואָס זענען קעגן די ערשטע פיר כוסות, איז נישט געווען קיין שעבוד, נאָר די לעצטע 86 יאָהר.

ברענגט דער חיד"א, רבינו נסים גאון ברענגט אַ מעשה, אַז רבי יהושע בן לוי האָט געטראָפן אליהו

הנביא, און געוואָלט גיין מיט איהם. האָט אליהו אויסגענומען מיט איהם אַ תנאי, אַז ער טאָר איהם גאָרנישט פרעגן וועגן אַלעס וואָס ער וועט זעהן.

אויפ'ן וועג זענען זיי אָנגעקומען אין אַן אכסניא, ביי אַן אָרים פּאָרפאָלק וואָס האָבן פאַרמאָגט נאָר איין קוה, אָבער מ'האָט זיי זעהר שיין אויפגענומען, געגעבן צו עסן און צו טרינקען. צומאָרגענס זעהט רבי יהושע בן לוי, ווי אליהו הנביא איז מתפלל אַז די קוה זאָל שטאַרבן. האָט רבי יהושע בן לוי זיך זעהר געוואונדערט, אַז נאָך אַזאַ הכנסת אורחים, האָט אליהו געבעטן רחמים אַז די קוה זאָל שטאַרבן? ער האָט דאָך אָבער נישט געטאָרט פרעגן קשיות.

אַ נאַכט שפּעטער האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ גביר אין שטוב, אָבער יענער גביר האָט זיי זעהר משפיל געווען. ער האָט זיי קוים דערלויבט צו שלאָפן אויף דער ערד. צומאָרגענס הערט רבי יהושע בן לוי ווי אליהו הנביא בעהט אַז די שוואַכע וואַנט וואָס איז דאָרט געווען, זאָל בלייבן שטיין, און נישט אומפאַלן, און די וואַנט איז טאַקע געוואָרן שטאַרק... האָט רבי יהושע בן לוי ווידער נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס קומט עס פאַר'ן בעל אכסניא - נאָך אַזאַ השפלה'דיגע הכנסת אורחים - אַז זיין וואַנט זאָל ווערן שטאַרק?

דערנאָך זענען זיי ווייטער געקומען אין אַ בית המדרש, וואו די מענטשן האָבן זיי זעהר נישט שיין אויפגענומען. ביים אַרויסגיין, האָט אליהו הנביא געוואונטשן אַז אַלע מענטשן פון יענעם בית המדרש זאָלן ווערן "ראשים", מנהיגים. אַ טאָג שפּעטער, זענען זיי אָנגעקומען צו אַ קהילה וואו מ'האָט זיי זעהר שיין אויפגענומען, און דאָרט האָט אליהו געוואונטשן, זיי זאָלן האָבן איין מנהיג.

דאָ האָט רבי יהושע בן לוי זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן, און געזאָגט צו אליהו הנביא, אַז ער איז גרייט איהם צו פאַרלאָזן (ווי זיי האָבן זיך אויסגענומען אַז אויב רבי יהושע בן לוי וועט פרעגן קשיות, וועט ער נישט קענען גיין מיט איהם ווייטער), אָבער ער זאָל איהם אויפקלערן וואָס דאָ קומט פאָר.

האָט אליהו הנביא געענטפערט רבי יהושע בן לוי:

- אין די ערשטע אכסניא, וואו דאָס אָרימע פּאָרפאָלק האָט אונז אַזוי שיין אויפגענומען, האָב איך געבעטן אַז די קוה זאָל שטאַרבן, ווייל איך האָב געוואוסט אַז עס איז נגזר געוואָרן אַז די פרוי, די עקרת הבית, דאַרף אַוועקגיין פון דער וועלט רח"ל, האָב איך דערפאַר מתפלל געווען אַז דו קוה זאָל ענדערש שטאַרבן. דער צער פון די קוה'ס טויט זאָל זיין אַ כפרה.

- אין דעם צווייטן אָרט האָב איך מתפלל געווען אַז די וואַנט זאָל ווערן שטאַרק - טראָץ דעם וואָס דער בעל אכסניא האָט אונז אויפגענומען אַזוי קאַלט - איז עס געווען דערפאַר, ווייל איך האָב געוואוסט אַז אונטער די וואַנט איז באַהאַלטן אַ באַהעלטעניש פון גאָלד און זילבער, און אויב די וואַנט וועט פאַלן וועט דער בעל הבית טרעפן דעם אוצר, און עס קומט איהם נישט אַזאַ עשירות, האָב איך דעריבער מתפלל געווען אַז די וואַנט זאָל בלייבן שטיין.

- אויפ'ן דריטן אָרט, וואו איך האָב מתפלל געווען אַז אַלע זאָלן ווערן הויפּטן, איז עס דערפאַר ווייל זיי האָבן זיך געפירט אַזוי שלעכט צו אונז, זאָלן זיי ווערן קעפּ, און זאָלן זיך אַרומרייסן ביי די קעפּ...

- אויפ'ן פערטן אָרט וואו מען האָט אונז אויפגענומען שיין, האָב איך געבעטן אַז זיי זאָלן באַקומען איין מנהיג, ווייל אַז זיי וועלן האָבן איין הויפּט, וועלן זיי זיך פירן שיין.

האָט אליהו הנביא אויסגעפירט, איך דאַרף זיך יעצט פון דיר אָפּשיידן, אָבער געדענקען זאָלסטו שטענדיג, ווען דו זעהסט אַן ערליכע איד וואָס ליידט, זאָלסטו וויסן אַז דו ווייסט נישט וואָס פאַר אַ גוט'ס וואַרט איהם אָפּ", און אַז דו זעהסט אַ שלעכטער וואָס האָט יאָ גוט'ס, זאָלסטו וויסן אַז דו ווייסט נישט וואָס מען באַהאַלט פון איהם.

לויט דעם זאָגט דער חיד"א, די ערשטע פיר כוסות זענען זכר לחרות, ווייל דעמאָלס איז נאָך נישט

**דער** חתם סופר זאָגט, נח האָט געבויט די תיבה 120 יאָהר. די חז"ל זאָגן, אַז די מענטשן פון דור המבול האָבן געלאַכט פון נח'ן אַז ער בויט אַ תיבה, נח איז אָבער גאָרנישט נתפעל געוואָרען, נאָר ווייטער געבויט די תיבה, און געשריגען צו יעדעם אַז עס גייט קומען אַ מבול, אויב מען פאַרבעסערט זיך נישט. שרייבט דער חתם סופר, אַז יעדער איינער וואָס וועט בויען אַ תיבה 120 יאָהר, מיט אזא אמונה אין דעם אויבערשטען, וועט די תורה אויך שרייבן אויף איהם "צדיק תמים".

**דער** ערשטער "מוסר-שמועס" אין דער תורה איז געווען, ווען דער אויבערשטער האָט אויסגע'מוסר'ט קין. וואָס איז געווען דער מוסר שמועס? - "למה חרה לך, ולמה נפלו פניך". פאַרוואָס גייסטו אַרום מיט אַן אַראָפּגעלאָזטע נאָז? געב זיך אַ נעם, און הייב אויף די נאָז. "הלא אם תטיב שאת" - זיי זיך מחדש, ווער אַ נייער מענטש, וועסטו קענען תשובה טוהן ווי געהעריג. "מכאן ואילך חושבנא".

**מיט** דעם איז פאַרענטפערט די קשיא פון די מפרשים, וואָס האָט דער אויבערשטער געפרעגט קין'ען "למה חרה לך"? עס איז דאָך קלאָר פאַרוואָס עס פאַרדריסט איהם, ווייל דער אויבערשטער האָט אָנגענומען זיין ברודער'ס מנחה, נישט זיין מנחה'י?

**נאָר** די כוונה דערפון איז, דער אויבערשטער האָט איהם געוואָלט מרמז זיין, דו האָסט געזינדיגט, פאַרשטייסטו דאָך אַליין פאַרוואָס איך האָב נישט אָנגענומען דיין מנחה, אָבער עס איז נישט קיין וועג זיך אַרומצודרייען אויף אַן אופן פון "נפלו פניך"! גיב אַ קוק וואָס עס איז געשעהן דערנאָך: דו האָסט גע'הרג'עט אַ מענטש, ה' ישמרנו. אַז מען דרייט זיך אַראָפּ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטע נאָז, הרג'עט מען מענטשן רח"ל. "הלא אם תטיב שאת" - די ערשטע זאַך איז, התחדשות. זאָלסט ווערן אַ נייער מענטש.

**דעם** פסוק (בראשית ג, יד) על גחונך תלך ועפר תאכל כל ימי חייך, האָט געטייטשט הגאון רבי יצחק ווייס זצ"ל דומ"ץ ווערבוי, אויב אַ איד האַלט זיך קליין, ער איז מושפל אין זיינע אויגן, "ועפר תאכל כל ימי חייך", וועט ער עסן ערד אַ גאַנץ לעבן. ער וועט נישט שפירן אַ טעם אין עבודת ה'. אַ איד דאַרף זיך מחזק זיין[יא], באַנייען זיך צום נייעם זמן - "בראשית".

---

געווען קיין שעבוד, און דער פינפטער כוס, וואָס איז מרמז אויף די לעצטע 86 יאָהר וואָס אידן האָבן געליטן פון קושי השעבוד אין מצרים, איז "כוס של אליהו", וועלכן מען טרינקט נישט, מרמז צו זיין אַז מען פאַרשטייט נישט דעם פשט און די טיפע כוונה פון אַלעם וואָס קומט פאַר. מ'דאַרף אָבער וויסן אַז אַלעס איז פון הימל.

**י.** דער חידושי הרי"ם האָט געזאָגט אַ שאַרף וואָרט אויף דעם: "למה חרה לך" - פאַרוואָס ביזטו בייז, ווייל איך האָב נישט אָנגענומען דיין מנחה? אָדער ווייל איך האָב אָנגענומען דיין ברודער'ס מנחה?!...

**יא.** דאָס איז די כוונה פון דעם וואָס דער מחבר הייבט אָן דעם שולחן ערוך אורח חיים (סימן א'): "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו". אין די אַנדערע סימנים, וואו מען רעדט וועגן אשמורה שלישית, וועגן חצות, שרייבט נישט דער מחבר "יתגבר כארי". פאַרוואָס שרייבט ער נישט דאָרט אויך "יתגבר כארי"?

קען מען ענטפערן בדרך צחות, ווייל אין יענע צייטן פלעגן אידן אויפשטיין צו חצות, און פאַר אַ מענטש וואָס שטייט אויף צייטליך, דאַרף מען נישט זאָגן "יתגבר כארי". אויב ער הייבט אָן פאַרשפּעטיגן, זאָגט מען איהם "יתגבר כארי", גיי שוין אַראָפּ פון בעט.

וועגן דעם זאָגט מען פאַר'ן מענטש ווען ער שפּעטיגט, "יתגבר כארי", פאַרשלעפּ עס נישט, שטאַרק זיך און שטיי אויף לעבודת הבורא.

**מלמד שלמד נח תורה - אויסנוצען די טעג צום לערנען**

**דער** פסוק זאָגט (ט, כ) ויחל נח איש האדמה ויטע כרם. וואָס איז דער רמז אין די ווערטער "איש האדמה"?

**נאָר** דער מדרש זאָגט (ויק"ר פל"ה, א) אויף דעם פסוק (תהלים קיט, נט) חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך, ווען דוד המלך ע"ה איז געגאַנגען אין בית המדרש, האָט ער יעדן טאָג געטראַכט ביי זיך, "לבית פלוני אני הולך, למקום פלוני אני הולך, והיו רגלי מוליכות אותי לבתי כנסיות ובתי מדרשות". וואָס איז די כוונה פון די ווערטער, אַז דוד המלך האָט געוואָלט גיין אין אַנדערע פלעצער, און צום סוף איז ער געגאַנגען אין בית המדרש אַריין?

**נאָר** די כוונה איז, אויב אַ מענטש וועט זאָגן, איך קען היינט נישט גיין לערנען אַ שיעור, ווייל איך שפיר זיך נישט גוט. זאָגט מען איהם: "לבית פלוני אני הולך" - אויב דו וואָלסט געדאַרפט גיין האַנדלען אָדער אַרבעטן, וואָלסטו געגאַנגען? - דו וואָלסט דאָך זיכער געגאַנגען אַהין. אויב אַזוי, זאָלסטו אויך גיין לערנען אין בית המדרש. און מיט'ן דאָזיגן חשבון איז דוד המלך אָנגעקומען אין בית המדרש.

**מיט** דעם קען מען אויך זאָגן בדרך צחות, אַ כוונה אין די ווערטער פון דער גמרא (ברכות ה.) אם רואה אדם שיסורים באים עליו יפשפש במעשיו, פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה. אויב אַ מענטש האָט יסורים און קען נישט גיין אין בית המדרש, זאָגט מען איהם, "יפשפש במעשיו" - צו די בערוז וואָלט ער דאָך יאָ געגאַנגען, און אויב אַזוי, "יתלה בביטול תורה", ער האַלט נישט ביים לערנען, און וועגן דעם שפירט ער זיך נישט גוט.

**דאָס** זאָגט דער פסוק: "ויחל נח", ווי אַזוי איז נח צוגעקומען צו לערנען, ווי רש"י זאָגט "למדנו שלמד נח תורה"? ווייל "איש האדמה", ער האָט כסדר געטראַכט ביי זיך, צו די אַרבעט אין פעלד וואָלט איך געגאַנגען, און דאָס האָט איהם אויך געטריבן צום לערנען.

**עס** איז ידוע דער מאמר החכם (משל הקדמוני, מובא בעקידת יצחק שער נט, ועוד), "אדם דואג על איבוד דמיו, ואינו דואג על איבוד ימיו. דמיו אינם עוזרים, וימיו אינם חוזרים", דער מענטש דאגה'ט אויף זיין בלוט וואָס ער פאַרלירט, און נישט אויף די טעג וואָס ער פאַרפאַטשקעט. די בלוט זיינע קומט איהם נישט צוניץ, אָבער דער טעג זיינע קומען איהם נישט צוריק.

**מיר** האָבן שוין נאָכגעזאָגט אַ טעם פאַרוואָס מען פסק'ענט ביי סוכה (עי' סוכה יז.) אויר פוסל בשלשה, סכך פסול פוסל בארבעה. פאַרוואָס איז אויר האַרבער ווי פסול'ער סכך? נאָר "אויר" איז טייטש לופט, מען נוצט אוים די צייט מיט ליידיג גיין, און דאָס איז ערגער ווי "סכך פסול". דערפאַר פסל'ט "אויר" ביי דריי טפחים.

**די** גמרא זאָגט (סוטה מט.) זריזות מביאה לידי נקיות וכו', אָבער ווי אַזוי מען קומט-צו צו תורה, שטייט נישט דאָרט אין דער גמרא. ווייל צו תורה איז נישטאָ קיין הקדמה. פאַראַן נאָר איין זאַך: לימוד התורה. עפן די גמרא און לערן, און דעמאָלט וועסטו צוקומען צו תורה.

**אַזוי** האָט דער געזעגער רבי בעל "לב שמחה" זצ"ל געטייטשט די ווערטער פון דער משנה (אבות פ"ד, מ"י) הוי ממעט בעסק ועסוק בתורה. "הוי ממעט בעסק" - דו זאָלסט וואָס ווייניגער זיך

---

דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס ערב שבת צינדט מען אָן די לעכט, און מען לעשט עס אויס, און דערנאָך צינדט מען עס נאָך אַמאָהל אָהן. דער רמז אין דעם איז, אַז אַפילו אויב מען האָט פאַרלאָשן ח"ו, קען מען עס נאָך אַמאָהל אָנצינדן.

"גרייטן צום לערנען", נאָר "ועסוק בתורה" - עפּן די גמרא...

**דאָס** דאַרפן מיר האָבן אויפ'ן געדאַנק צום נייעם זמן, צו נעמען זיך צום לערנען מיט ערנסטקייט.

**עלה זית - יעדע קלייניגקייט איז חשוב ביים אויבערשטען**

**דער** "בית אברהם" טייטשט דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (ח, יא) והנה עלה זית טרף בפיה. זאָגט די גמרא, די יונה האָט געזאָגט, זאָל מיין שפּייז זיין ביטער ווי אַן איילבירט, אָבער מסורין בידך - אין די הענט כביכול פון דער אויבערשטער, ענדערש ווי עס זאָל זיין זיס ווי האָניג אָבער אין דער הענט פון אַ בשר ודם. די כוונה איז, אַפילו אַן "עלה", אַ קליין בלעטל וואָס מען ברענגט פאַר דעם אויבערשטען, אַפילו אַ קלייניגקייט וואָס מען דערגרייכט, "זית" - "מתוך מרירות בדם וזיעה", ווען מען אַרבעט מיט זיך אַפילו ווען עס איז ביטער ווי אַ זית, איז "מסורין בידך", גייט עס אַרויף לרצון פאַר דעם אויבערשטען. אָבער "מתוקים כדבש" - ווען עס גייט גרינג, מען האָט גרויסע אורות, ווען עס שיינט די פּראָדוקטער"ס, איז עס "בידי בשר ודם". דער רבש"ע זוכט נישט קיין עבודה וואָס איז זיס ווי האָניג, נאָר ווי אַן איילבירט וואָס ווערט געשטויסן[יב], פון אַזאַ עבודה האָט דער אויבערשטער הנאה אויך פון אַן "עלה" - אַ קליין בלעטעל.

**ענליך** שטייט אין ספה"ק ייטב פנים (ליל א' דסוכות, אות ה') אויף דעם וואָס מיר זאָגן ווען מיר גייען אַריין אין די סוכה, ובזכות צאתי מביתי החוצה ודרך מצותיך ארוצה, יחשב לי בזאת כאילו הרחקתי נדוד. לכאורה איז שווער, עס איז דאָך נישט אַזוי שווער אַרויסצוגיין פון הויז צו די סוכה?

**זאָגט** דער ייטב פנים, אַז ביי דעם אויבערשטען איז חשוב יעדע קלייניגקייט וואָס אַ איד טוט. אַפילו דאָס אַרויסגיין פון דער היים צו די סוכה, ווערט גערעכנט ווי אַ חשוב'ע עבודה. "ובזכות צאתי מביתי החוצה וכו' יחשב לי בזאת (התנועה קלה) כאלו הרחקתי נדוד, רצונו לומר, למעשה שם עושה רושם גדול כנודע", ע"כ.

**ותרם מעל הארץ - אין וואס פאַר אַ מצב מען איז נאר**

**אויפ'ן** פּסוק וואָס מיר האָבן געלייענט פאַרגאַנגענעם שבת (בראשית ג, ז) ויעשו להם חגורות, האָט געזאָגט הרה"ק בעל "דברי שמואל" זצ"ל, אַז נאָכ'ן חטא האָט דער אויבערשטער געוויזן פאַר אדם הראשון, ער זאָל זיך אונטערגאַרטלען, כדי ער זאָל נישט צוקומען צו אַ צווייטע עבירה, ווי די חז"ל זאָגן (אבות פ"ד, מ"ב) "עבירה גוררת עבירה"[יג].

**דער** קודש הקדשים רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט געזאָגט, אדם הראשון האָט געהאַט אין גן עדן נאָר איין מצוה - נישט צו עסן פון עץ

---

**יב.** דאָס איז אויך מרומז אין די ווערטער פון דער גמרא (יומא סט: ועוד) אַז ווען עס איז אַרויסגעקומען אַ לייב פון פייער פון קדשי הקדשים, האָט דער נביא געזאָגט צו די אידן, "היינו יצרא דעבודת כוכבים", עיי"ש.

דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז דער רמז אין דעם וואָס דער יצר הרע איז אַרויסגעגאַנגען דווקא פונעם "קדשי הקדשים"? נאָר דאָ איז מרומז, אַז ווען אַ מענטש פילט דעם פייער פון יצר הרע, זאָל ער וויסן אַז ער איז יעצט אין "קדשי הקדשים". ער קען יעצט אַרבעטן מיט זיך, און צוקומען צו ווערן אַ בחינה פון קדשי הקדשים. אויב אַ איד אַרבעט אויף זיך, באַקומט ער דעם גרעסטן שוויות ביים בורא כל עולמים.

**יג.** הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל פלעגט זאָגן: "איך האָב נישט מורא פון די עבירה, איך האָב מורא פון די 'גוררת עבירה', אַז עס זאָל נישט נגרר ווערן צו אַן אַנדערע עבירה ח"ו".

הדעת, און ווען ער האָט עובר געווען אויף דעם, האָט מען איהם גלייך אַרויסגעשיקט פון גן עדן.

**האָט** רבי שלמה'קע געזאָגט: מיר געפינען אין די פסוקים (תהלים קיט, א-ג) אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה'. דאָס איז אַ איד אַ תלמיד חכם, ער זיצט און לערנט תורה. נאָך דעם איז דאָ אַ מענטש "אשרי נוצרי עדותיו בכל לב ידרשוהו" - אַן עובד, ער דינט דעם אויבערשטען מיט עבודה שבלב. און דאַן איז פאַראַן אַ דריטער סאָרט מענטש: "אף לא פעלו עולה", ער זינדיגט נישט, און נאר אויף דעם איז ער אויך "בדרכיו הלכו".

**פאַר** דעם גאון בעל "חתם סופר" זצ"ל איז אויפגעקומען אַ שאלה, פון אַ ספר תורה וואָס מ'האָט נישט געוואוסט אויב עס איז געשריבן געוואָרן דורך אַ אידישן סופר, אָדער להבדיל אַ גוי. האָט דער חתם סופר געהייסן קוקן ביים סוף פון די ספר תורה, אויב די אותיות זענען אַביסל מטושטש, איז אַ סימן אַז אַ אידישער סופר האָט עס געשריבן, ווייל ביי אַ סיום ספר תורה שרייבן אידן אַריין אותיות אין די לעצטע פסוקים. דערפאַר אויב די אותיות זענען צעמישט, איז אַ סימן אַז עס איז אַ אידישע ספר תורה.

**לעניננו** קען מען זאָגן, שמחת תורה טאַנצט מען פאָרט מיט די "טשטושים", טראָץ די צעמישעניש וואָס אַ איד שפירט, פונדעסטוועגן קען ער זיך פרייען מיט די הייליגע תורה.

### כי אותך ראיתי צדיק - שטאלצירן מיט זיך אַליין און אַזוי זיך האַלטן אינדערהייך

**דער** רוזינ'ער זי"ע האָט געטייטשט די ווערטער פון מדרש (ויק"ר פכ"ד, ט) קדושים תהיו (ויקרא יט, ב), יכול כמוני, תלמוד לומר כי קדוש אני ה' אלקיכם. די כוונה פון מדרש איז בניחותא: "יכול כמוני", יעדער איד קען זיין הייליג ווי דער אויבערשטער. ווי אַזוי? אויף דעם זאָגט דער מדרש: "תלמוד לומר כי קדוש אני", דו זאָלסט זיך אויסלערנען צו זאָגן "איך בין הייליג", און אַזוי וועסטו זיך טאַקע האַלטן הייליג. פראַווע נישט "ענוות", צו זאָגן "איך בין אַ שייגעץ", און איך וועל קיינמאָל נישט אָנקומען צו די מדריגה. נאָר זאָג "כי קדוש אני", וועסטו דערגרייכן מדרגות פון קדושה.

**דער** "אור זרוע" שרייבט אויף די סמיכות פון די אותיות צד"י קו"ף רי"ש. "צדיא קריא רישא". "צדיא" איז מרמז אויף איינעם וואָס איז באמת פוסט, "קוף ריש - קריא רישא" - רוף זיך אַן רבי. באַטראַכט זיך ווי דו ביזט בבחינת "רישא", און אַזוי זאָלסטו זיך פירן. דורכדעם וועסטו טאַקע ווערן אַ "רישא".

**אַזוי** געפינען מיר אין דער גמרא (ב"מ פה.) רבי איז געקומען אין דעם אָרט וואו רבי אלעזר ברבי שמעון האָט געוואוינט. האָט ער געפרעגט, איז דאָ אַ זוהן פון דעם צדיק? האָט מען געענטפערט, יאָ, אָבער ליידער זינדיגט ער רח"ל. איז רבי געגאַנגען אַהין און ער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ רבי, אָנגעטוהן אַ רעזוואולקע אא"וו. שפעטער האָט דער זוהן פון רבי אלעזר ברבי שמעון ליידער געוואָלט צוריקגיין צום אַלטען ד' ירחם, האָט איהם רבינו הק' געזאָגט, "חכים עבדו יתך, וגולתא דדהבא פרסו עלך, ורבי קרו לך, ואת אמרת לקרייתי אנא איזיל". צום סוף האָט ער איהם געשוואוירן אַז ער וועט מער נישט אַהין גיין, און ער איז געוואָרן אַ בעל תשובה, עיי"ש.

**טייטשט** דער אור זרוע, אַז דאָ איז אויך מרומז דער דערמאַנטער ענין: אויב דער איד באַטראַכט זיך ווי אַ רבי - "ורבי קרו לך" -, אין דער בחינה פון "קריא רישא", קען ער צוקומען צו זיין אַ "רישא". פאַרשטיי דיין גרויסקייט, שטאָלציר אַביסל מיט דעם "ויגבה לבו בדרכי ה'", וועסטו צוקומען צו גרויסקייט. "צדיא קריא רישא". איך בין אַ ירא שמים, און אַזוי וויל איך זיך האַלטן[יד].

---

**יד.** אַ איד האָט אַמאָהל געפרעגט דעם לובלינער רבי'ן, כ"ק הרה"צ רבי אברהם אייגער זצ"ל, "איר זענט

**וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ - אַכטונג געבן נישט אַריינצופאַלן אין עצבות**

די פריהערדיגע פרשה ענדיגט זיך מיט די פסוקים: "וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ, וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ, ויתעצב אל לבו, ויאמר ה' אמחה את האדם מעל פני האדמה".

**פלעגט** דער טשעבינער רב זצ"ל יעדעס יאָהר נאָכזאָגן, אַז ער האָט געהערט איש מפי איש ביז'ן רבי'ן פון לובלין זי"ע, דער מענטש זינדיגט, אָבער ער פּרובירט נאָך, ער מוטשעט זיך, ער וויל זיך פירן גוט. "וינחם ה'" - "וינחם" מלשון חרטה, דער אויבערשטער כביכול האָט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט באַשאַפן דעם יצר הרע (סוכה נב:), נו, איך האָב דאָך איהם באַשאַפן. אָבער "ויתעצב אל לבו", אויב דער מענטש ווערט בעצבות, דעמאָלס "ויאמר ה' אמחה את האדם" - אַזאַ בריאה דאַרף איך נישט האָבן אויף דער וועלט. מ'טאָר נאָר נישט אַריינפאַלן אין עצבות.

**מיט** דעם ווערט פאַרענטפערט אַ סתירה אין די פסוקים, אין די היינטיגע פרשה (ח, כא) ויאמר ה' לא אוסיף לקלל עוד את האדמה וגו' כי יצר לב האדם רע מנעוריו. און אין דער פריהערדיגער סדרה, האָט דער אויבערשטער יאָ געוואָלט אָפּמעקן אַלע ברואים, צוליב דעם יצר הרע, "וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום". איז שווער, צו איז דער יצר הרע אַ סיבה צו ברענגען אַ מבול ח"ו, אָדער פאַרקערט?

**נאָר** די סיבה פון יצר הרע איז קלאָר, אַז דער אויבערשטער זאָל נישט ברענגען אַ מבול, ווייל דער מענטש פּרובירט זיך מתגבר זיין אויפ'ן יצר הרע, נאָר עס גייט איהם נישט, וואָס קען ער טוהן[יז]. אָבער אויב עס איז "וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום", ער האַלט ביי גאָרנישט, ער וויל נאָר טוהן שלעכטס, אויף אַזאַ אופן: "אמחה את האדם" ח"ו. נאר ווען דער מענטש וויל זיך מתגבר

---

געוואָרן אַ רבי?! צו ווייסט איר וואָס עס מיינט אַ רבי?!".

האָט דער לובלינער רבי ז"ל געענטפערט, אַז די זעלבע שאַלה האָט איהם טאַקע געעגבערט ווען ער האָט געעפענט זיין בית המדרש אין בני ברק, און ער איז געגאַנגען פרעגן דעם גאון בעל "חזון איש" זצ"ל, צו ער זאָל עפענען אַ בית המדרש.

האָט דער "חזון איש" געענטפערט:

- אין היינטיגן דור, מעג יעדער איינער וואָס איז מחזק אַנדערע אידן, זיך לאָזן רופן "רבי". עס הייסט נישט גענאַרט.

דער לובלינער רבי האָט צוגעגבן, אַז ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי די טיר, האָט איהם דער "חזון איש" צוריקגערופן, און איהם געזאָגט:

- כ'וועל אייך זאָגן נאָך מער: אַפילו אויב איר וועט נישט האָבן וועמען מחזק צו זיין, נאָר זיך אַליין, מעגט איר זיך אויך אָנרופן "רבי".

לעניננו: דער לובלינער רבי איז באמת געווען אַן אדם גדול, און האָט זיך געמעגט רופן "רבי". אָבער דער לימוד דערפון איז פאַר אונז אויך, אַז מען איז זיך מחזק, איז גוט.

**טו.** צדיקים האָבן געטייטשט "יראת שמים". "שמים" איז "אש ומים". וואו עס איז דאָ אַ התנגדות פון צוויי כוחות, ווי פייער און וואַסער.

הרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע האָט געטייטשט די ווערטער "יראת שמים". ווייל "שמים" איז מרמז אויף שפע, ווי דער פסוק זאָגט (דברים כח, יב) יפתח ה' לך את אוצרו הטוב את השמים וגו'. אַ מענטש דאַרף מורא האָבן ער זאָל נישט פאַרלירן די שפע ח"ו וואָס קומט פון הימל, "יראת שמים" - ער זאָל מורא האָבן נישט צו פאַרלירן די השפעות וואָס קומען פון הימל.

זיין אויפ'ן יצר הרע, העלפט איהם דער אויבערשטער קעמפן קעגן דעם יצר הרע.

**דער** אויבערשטער זאָל אונז העלפן מען זאל זוכה זיין צו אַ געזונטן ווינטער, לנו ולכל ישראל אמן.

---

דער גאון דער קאָזשיגלובער רב זצ"ל שרייבט אין "ארץ צבי" (פ' ויצא), אַז אויב אַ מענטש מאַכט זיך אַ הנאה פון שמירת עינים, איז אויב ער האָט אַביסל אמונה, ווייסט ער, ער קען דאָך נישט נעמען אַליין קיין הנאה, איז אויב ער קען זיך נעמען אַ הנאה פון שמירת העינים, מוז זיין אַז עס איז קצוב פאַר איהם פון ראש השנה. איז דער מענטש מחויב צו טראַכטן ביי זיך, אויב ער וועט עס נישט נעמען, וועט דער באַשעפער איהם שולדיג בלייבן די זעלבע הנאה. די נפקא מינה איז, אויב ער נעמט עס אַליין, וועט ער אַריינפאַלן אין גיהנום ח"ו, אָבער אויב ער נעמט עס נישט אַליין, לאָזט ער עס איבער אַלס אַ הלוואה ביי דעם אויבערשטען, און ביים באַשעפער אין "באַנק" וואַקסט עס מיט רבית, ווי די חז"ל זאָגן, אמר הקב"ה, עלי לשלם לעין שעצמה.

לעבן "גן ורשא" אין בני ברק האָט געוואוינט אַ זקן מופלג, אַ חשובי בנים ל"ע, ר' עזרא ע"ה, וואָס מיר פלעגן גיין צום איהם יעדן שבת, איהם ווינטשן אַ גוט שבת. אין שכנות פון ר' עזרא האָט געוואוינט זיין פאָטער, וועלכער איז אַלט געווען 116 יאָהר. יונגערהייט, איז דער פאָטער געווען אַ משמש בקודש ביים גאון בעל "בן איש חי" זצ"ל, וואָס כידוע האָבן זיינע משמשים מאריך ימים געווען (בתוכם הרה"צ רבי יצחק כדורי זצ"ל).

האָט דער פאָטער דערציילט אַ מורא'דיגן סיפור. דער "בן איש חי" פלעגט פאָרלערנען אַ שיעור כחצות הלילה. אַמאָהל איז איינער פון די תלמידים געגאַנגען צום שיעור, און גייענדיג אויפ'ן וועג איז ער דורכגעגאַנגען דאָס הויז פון אַ אינגע אלמנה, וועלכע איז געווען גאָר אַ רייכע פרוי. דער תלמיד האָט באַמערקט אַז די טיר איז אָפען, "פחז עליו יצרו" און ער איז אַריינגעגאַנגען, וועלנדיג צוגיין צום "כספת" (סעי"ף) וואו זי האָט געהאַלטן געלט. ביז אַ מינוט איז ער געשטאַנען ביים געלט... אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך באַרעכנט: ממה נפשך, אויב דאָס געלט איז מיר באַשערט פון ראש השנה, וועל איך עס באַקומען בהיתר, און אויב עס נישט באַשערט פון ראש השנה איך זאָל האָבן דאָס געלט, וועט עס דאָך אַוועקגיין פון מיר ביז קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט, איז צו וואָס דאַרף איך עס צו'גנב'ענען. מיט'ן דאָזיגן חשבון, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן פון די גניבה, און האָט עומד געווען בנסיון.

וואָס איז געווען דער סוף?

אַלזאָ, די אלמנה האָט זיך שטאַרק דערשראָקן הערנדיג ווי אַ מענטש דרייט זיך אין איר טונקעלן הויז אינמיטן נאַכט, איז זי צומאָרגנס געלאָפן צום ראש ישיבה פון דער אָרטיגער ישיבה, און געזאָגט, אַז זי וויל חתונה האָבן, ווייל זי האָט מורא צו זיין אַליין אינדערהיים. משום מה האָט דער ראש ישיבה איר אָנגעוויזן אויף דעם דערמאנטן בחור וואָס איז בייגעשטאַנען דעם נסיון פון גניבה אין דער פריהערדיגער נאַכט, און ער האָט חתונה געהאַט מיט די אלמנה...